# איך, אַ פּורים־שפּילער...

איך בין אַ פּורים־שפּילער הײַנט
און כ'שפּאַס פֿון מײַנע פֿרײַנד און פֿײַנט !
און פֿון די קײַלעכדיקע מאַסקע־לעכער
פֿליט איצט מײַן לאַכעדיקער בליק אַרויס –
אַריבער יעדן פּאַלאַץ, יעדן קלײנעם הויז,
און פֿלאַטערט אויף, און פֿליגלט העכער,
אַריבער ימען, טײַך און טעכער,
און פֿליקט מיט דערנער יעדע רויז,
און קיצלט בײַ די זײַטן יעדן טרוים־פֿאַרשווערכער,
און גיט דעם שׂטן יין־נסך, בראַנד, אַ פֿולן בעכער :
– היי, אַלטער שוטה, מיט די אויגן רויטע,
טרינק און זינג –
„המן איז אין דר'ערד
און מרדכי – אויפֿן פֿערד !"
אין פֿרעמדע גלעקער קלינג,
אַז אויפֿשטיין זאָלן אַלע טויטע !
און לאַך ! אָנצײנערדיקער, טרוקנבײנערדיקער, לאַך :
די פֿרומע קדושים און די חושים־פּרושים לאָז געמאַך !
און מאַך די קרום־העוויהלעך, די הינטיש־חנדעלעך אַ סך,
און שרײַ נישט, אַז די וועלט איז פֿלאַך !
און אויב דו זעסט נישט אַנדערש, נעם די אויגן און פֿאַרמאַך :
און – טראַך־טאַ־ראַ־ראַך ! –
עס איז דאָך שלום ושלווה אויף דער וועלט !
עס העלט שוין אויף ; אַ פֿרילינגזון אַ נײַע קוועלט,
און מענטשן קושן זיך אין לאַנד אין פֿרײַען,
און פֿעלקער זײַנען אָנגעטאָן אין גײַסט אין נײַעם,
און אויפֿגעבויט און אָפּגעבויט איז אויך ירושלים !
היי אסתּרל, מײַן שוועסטערל, דיר קומט אַ מלך־קוש ;
אַ קלײניקײט – פֿון הודו ביז כּוש
דערגרייכט דײַן צוויבערפֿולע הערשנדע מדינה !
און דו אַליין ביסט מלכותדיק און שיין !
נאָר אויסגעטראַכט האָט ושתּי עס, אַז דו – דו ביסט אַ גרינע,
ס'האָט ושתּי אויסגעטראַכט אין קינאה־צאָרן,
די ושתּי אויפֿן שטערן מיטן האָרן...
נישט וואָר ! עס האָט מײַן אסתּרל אַ פּנימל אַ קלאָרן !
אַ סימן, זעט, דער קלוגער מלך־טיפּש האָט זי האָלט,
און שפּילט זיך מיט דער רוט פֿון גאָלד...
און גיט איר אָפּ אין האַנט
אַ האַלבע לאַנד !

און המן ? המן אויך, דער דורכגעטריבענער, דער אַלטער המן,
האָט אומגעביטן איצט זײַן קלינגנדיקן נאָמען,
פֿאַרקירצט, פֿאַרצויגן אים אויף Homo,
און אײַנגעקנייטשט, פֿאַראײדלט די נשמה –
ער איז דער אײנציקער, דער טרײַער אויף דער וואַך,
וואָס קעכלט זײַן מיזיניקל ויזתאן...

און – טראַך־טאַ־ראַ־ראַך ! –

ווער זאָגט, עס איז אַצינדערט אויף דער וועלט מלחמות ?
אַ ליגן ! קײנער האָט נישט געגאָסן !
– אומזיסט־אומנישט נאָר בלוט פֿאַרגאָסן !
און ס'פֿליסן טרערן איבער אַלע מאָסן !
ס'איז חי־געלעבט ! ס'איז שׂימחה ושׂשׂון !
און ערגעץ הערשט די נויט און הונגער !?
און ערגעץ ווילדעוועט אַ שטורעם פֿון יסורים !!

אוי, הײַנט איז פּורים,
און הײַנט בין איך אַ ייִד אַ יונגער –
און ס'שמייכלען טרערן אויף די אומעטיקע אויגן !
און כ'רייד אַזוי מאָדערן און פֿאַרצויגן,
און איידלאַרטיק צו דעם ערבֿ־רבֿ געבויגן...
ס'באַהאַלט די מאַסקע – פֿונעם ליכט
מײַן בלאַס און אויסגעפּײַניקט יונג געזיכט,
פֿון בליקן לעסטערדיקע אומגעריכט...

און ווער עס זעט, דערקענט אין מיר – פּיערראָ,
וואָס אָטעמט מיט דער צופֿעליקער חיי־שעה ;
און כ'גיי אַרום, כ'שפּאַציר אַרום אין ווײַסן, ברייטן קיטל,
און כ'זוך אַ לוסטיקן, בשׂימחהדיקן מיטל
צו אויסשפּאָטן פֿון פֿײַנט און פֿרײַנד,
ווײַל... כ'בין נישט מער –
אַ סתּם בחינמדיקע טרער,
אַ ווילער יונג, אַ פּורים־שפּילער הײַנט !

**משה בראָדערזאָן**